**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# Far folḳ un heymland

**Markiš, Perec D.**
**מאַרקיש, פּערעץ**

**Mosḳṿe, 1943**

דאַרגנינעל

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**

Visual Library



# לעני‌נגראד

פאר בליק פונ צײַט ווי א גראווירטער בוכ צעעפנט,
שטייסטו א גרויזאמער אינ אופבליץ פונ געדאנק —
ווי ס'איז בא דײַנ געבורט געשטאנענ דײַנ באשעפער
פארזונקענ אינ מאכשאָוועס גרויסע אונ אינ דראנג.

דו שטייסט באפעלעריש באם יאם צוקאָפנס,
אונ מיט געשלײַפטע העלדזער פונ געווער קוקסטו אינ ווײַט זיכ אײַנ,
אז דורכ דעם אופגעשפארטנ פענצטער אינ אייראָפע
ניט אופהערנ צו שטראָמענ זאָל פונ מיזרעכ ליכט אונ שײַנ.

אונ שטאָלצ אונ קראפט, ווי רעגנבויגנס בונטע,
מיט פרידנ אונ גערעכטיקײַט געפאנצערט אונ באוואכט,
וואָס טראָגנ אינ דער וועלט זיכ שוינ א פערטל פונ יאָרהונדערט,
ווי ס'טראָגנ זיכ אינ יאם די כוואליעס פונ ניעווא!

דו שטייסט א גרויזאמער, א שטאלטנער אונ א גראדער.
געפאר פארווארפט אפ דיר איצט ווי א שלייפ זיכ רונד ארומ;
נאָר דו געפאנצערט ביסט מיט אייגענע באגינענס, לענינגראדער,
אונ מיט געוואג אונ שטאָלצ פונ אומשטערבלעכנ רומ.

א יעדער שטיק גראניט וועט פונעמ גרונטפעסט זיכ א ריס טאָנ,
א יעדער טאָרצ זיכ אופהייבנ פאר באריקאדנ וועט אליינ —
עס זײַנענ צו דער טליִע דורכגעגאנ דורכ זיי די דעקאבריסטנ,
אונ מיט נעדאָרימ האָט זיי יעדער אינדערשטיל באגלייט.

איצט גיבנ בא דײַנ שוועל זייערע אָפשטאמענ א וועט זיכ,
אונ מײַסטערס צו דער ביקס זיכ שטעלנ גרויזאמ אפ דער וואכ —

ניט פאר דער קייט פון קאט זיך האָבן דײַנע שטאלטנע פלעצער
מיט בלוט פון פאָלק פארפלייצט אין נײַנטן טאָג יאנואר.

ס'וועט קיינער ניט דעם קופערנעם דעם שטאָלצן רײַטער
ארונטערוואַרפן פון זײַן אופגעוויכערט פערד —
זײַן רום און קראפט איז אין יאָרהונדערטן געלײַטערט,
קיין ראָסט האָט ניט געלייגט זיך אף זײַן שטאָלצער שווערד.

עס וועט דעם אופגעשפארטן פענצטער קיינער ניט פארגראטען,
ניט דורכרײַסן וועט קיינמאָל זיך דורך אים די נאכט צוריק;
באוואכט דו ביסט מיט שטערן אייגענע מיט לענינגראדער, —
די בכוירע און דער שטאָלץ פון בירגערלעכן קריג!

דער יאם זיך שטרעקט צו דיר מיט זײַנע אומענדלעכע מאָסן
און ענטפערט פײַערלעך דיר איבער פאר דעם פײַנט זײַן טיף;
פונסנײַ דערקלערן דיך אין שלאכט די באלטישע מאטראָסן
מיט לייענטעס קוילן אף דער ברוסט, ווי ברענענדיקער שריפט!

עס פאָכען איבער דיר זיך דײַנע אייגענע קאיאָרן,
זיי פלאטערן אצינד ווי פאָנען בייס א שווע אפן פעלד;
אף דוירעסלאנג געמאָלדן האָבן זאלפן פון „אווראָרע",
אז ניט פארשמוצט פון פײַנט וועט זײַן פון לענינס שטאָט די שוועל!

פארטונקלט בא די נעכט איז איצט דײַן ווײַטער בליק,
נאָר שטערן, וויגנדיק זיך איבער דיר, ווי שטענדיק ברענען;
דו שטייסט א גרויזאמער באם ראנד ווי דער געשטאָלטער בראָנעוויק,
פון וועלכן זיך אנטפלעקט עס האָט פאר דיר וולאדימיר לענין!

עס האָט א ווײַסער גענעראל א שלייף צו דיר געצויגן.
געזען האָט ער פון ווײַט דיך אין בינאָקל בלויז;
און אויסגעשטאָכן האָט די זעונג זײַנע אויגן,
דער קייווער האָט זיי אים פארשלאָסן אין זײַן שווארצן שויס.

איצט רײַסט פון ברוינער פעל צו דיר זיך א פעלדפעבעל.
מיט קייטן קלינגט ער ווי מיט גלעקער אין געשלעג;
ער וועט דיך אויך דורך א בינאָקל זען אין נעבל,
און דאָס וועט זײַן די לעצטע זעונג אף זײַן וועג!

★★★